פּאַציענט & קעירגעבער לערנען

# וואס איז א CLABSI?

די אינפארמאציע ערקלערט וואס א צענטראלע ליניע-פארבינדענע בלוט-שטראם אינפעקציע (CLABSI) איז און וועגן וויאזוי איר קענט העלפן זיי פארמיידן.

## וואס איז א CLABSI?

א CLABSI שטייט פאר צענטראלע ליניע-פארבינדענע בלוט-שטראם אינפעקציע. א CLABSI איז אן ערנסטע אינפעקציע. עס פאסירט ווען באצילן קומען אריין אין אייער בלוט-שטראם דורך א צענטראלע וועניאס קאטעטער (CVC). CVC איז נאך א ווארט פאר צענטראלע ליניע.

א CVC איז א קאטעטער (לאנגע, בייגזאמע טוב) וואס ווערט אריינגעלייגט אין אייער אדער. אייער CVC קען זיין אן איינגעפלאנצטע פארט, א PICC ליניע, אדער א טונעל'ד קאטעטער. פאר מער אינפארמאציע וועגן PICC ליניעס, לייענט *About Your Peripherally Inserted Central Catheter (PICC)* (www.mskcc.org/cancer-care/patient-education/about-your-peripherally-inserted-central-catheter-picc). פאר מער אינפארמאציע וועגן טונעלד קאטעטערס, לייענט *About Your Tunneled Catheter* (www.mskcc.org/cancer-care/patient-education/about-your-tunneled-catheter). פאר מער אינפארמאציע וועגן איינגעפלאנצטע פארטס, לייענט *About Your Implanted Port* (www.mskcc.org/cancer-care/patient-education/your-implanted-port).

## וויאזוי קען איך פארמיידן א CLABSI?

עס זענען דא פיל זאכן וואס איר קענט טון צו פארמיידן אן אינפעקציע. ביטע טיילט מיט די אינפאָרמאַציע מיט אייערע קעירגעבערס.

- נעמט א שויער יעדן טאג.
  - עס איז וויכטיג צו רייניגן אייער הויט מיט א קלארהעקסידין גלוקאנעיט (chlorhexidine gluconate, CHG) הויט רייניגער אדער א CHG ווייפ. איר קענט נוצן די CHG רייניגער בשעת איר זענט אין די שויער. איר קענט נוצן CHG ווייפס נאך אייער שויער נוצנדיג געהעריגע זייף.
  - איידער איר נעמט א שויער, לייגט א וואסער-פראף צודעק (אזוי ווי AquaGuard®) איבער אייער CVC.
  - בשעת אייער שויער, רייניגט אייער הויט מיט א 4% קלארהעקסידיין גלוקאנעיט (CHG) סאלושאן אנטיסעפטיק הויט רייניגער (אזוי ווי Hibiclens®) אדער געהעריגע זייף. פאר מער

אינפארמאציע איבער נעמען א שויער מיט א CVC, קוקט *Showering While You Have a Central Venous Catheter (CVC)* (www.mskcc.org/cancer-care/patient-education/video/showering-while-you-have-central-venous-catheter) און לייענט *How to Shower Using 4% Chlorhexidine Gluconate (CHG) Solution Antiseptic Skin Cleanser* (www.mskcc.org/cancer-care/patient-education/showering-hibiclens).

- אויב איר האט נישט גענוצט א CHG רייניגער אין די שויער, נוצט 2% CHG ווייפס נאך אייער שויער. פאר מער אינפארמאציע איבער נוצן CHG ווייפס, לייענט *How to Bathe Using 2% CHG Cloths* (www.mskcc.org/cancer-care/patient-education/how-bathe-using-2-chg-cloths).
- נאך אייער שויער, טריקנט אפ דער וואסער-פראף צודעק איידער איר נעמט עס אראפ. אויב אייער באנדאדזש איז נאס, רופט אייער נורס צו טוישן די באנדאדזש. באקטעריע וואקסט אין פייכטע פלעצער. דאס האט פארמערט אייער ריזיקע צו באקומען א CLABSI.
- אויב איר זענט נישט אין שפיטאל, ביטע רופט אייער דאקטאר'ס אפיס און בעט זיי זאלן טוישן אייער באנדאדזש.

- רייניגט אפט אייער הענט מיט זייף און וואסער אדער אן אלקאהאל-באזירטע האנט סאניטייזער. בעט אייערע באזוכער און קעירגעבערס אויך צו וואשן אפט זייערע הענט.
  - אויב איר וואַשט זיך די הענט מיט זייף און וואַסער, מאַכט די הענט נאַס און זייפֿט זיי אָן. רייבט אייערע הענט צוזאמען פאר 20 סעקונדעס, דאן שווענקט. טריקנט אפ אייער הענט מיט א פאפיר טאוועל און נוצט דעם זעלבן פאפיר טאוועל צו פארמאכן דעם קראן.
  - אויב איר נוצט אן אלקאהאל-באזירטע האנט סאניטייזער, מאכט זיכער צוצודעקן אייערע הענט דערמיט. דאן, רייבט אייערע הענט צוזאמען ביז זיי זענען טריקן.
- רעדט מיט אייער קעיר טיעם וועגן סיי וועלכע זארגן איר האט.
- זאגט פאר אייער העלטקעיר פראוויידער אויב איר האט רויטקייט, פיין, געשווילעכץ, אדער פליסיגקייט ארום דעם פלאץ וואו אייער CVC גייט אריין אין אייער קערפער.
- אויב אייער דיסאינפעקציע קעפל פאלט אראפ אינדערהיים, דאן טוישט עס. אויב איר זענט אין MSK, דאן זאגט פאר אייער נורס.
- פארמיידט אנצורירן אייער CVC באנדאדזש אדער ליניעס.
- אויב איר באמערקט אז אייער באנדאדזש פאלט אראפ, דאן ביטע זאגט פאר אייער נורס אדער רופט אייער דאקטאר'ס אפיס. בעט זיך צו סקעדזשול'ן צו האבן אייער באנדאדזש געטוישט.
- מאכט זיכער אז אייער באנדאדזש ווערט געטוישט יעדע 7 טעג אדער אויב עס ווערט נאס אדער שמוציג.

## וואס זענען די צייכנס און סימפטאמען פון CLABSI?

די מערסטע באקאנטע צייכנס פון א CLABSI זענען:

- א פיבער איבער 100.4 גראַד פַארענהייט (38 גראַד צעלסיוס)
- טרייסלונגען.
- צומישעניש.
- האבן ווייניגער ענערגיע ווי געווענליך.
- פילן שווינדלדיג.
- רויטקייט, פיין, געשווילעכץ, אדער פליסיגקייט ארום דעם פלאץ וואו אייער CVC גייט אריין אין אייער קערפער.

אויב אייער קעיר טיעם טראכט אז איר האט מעגליך א CLABSI, וועלן זיי נעמען ביישפילן פון אייער בלוט. זיי וועלן שיקן די ביישפילן צו א לאב טעסט אונטערצוזוכן פאר באקטעריע און פאנגוס. די טעסטס ווערן גערופן בלוט קולטורס.

בלוט קולטורס נעמען געווענליך 48 ביז 72 שעה (2 ביז 3 טעג). אייער קעיר טיעם וועט מיטטיילן אייער רעזולטאטן מיט אייך ווען זיי האבן עס. זיי זענען אויך אווילעבל אויף MSK MyChart, אונזער פאציענט פארטאל.

# וויאזוי באהאנדלט מען א CLABSI?

אויב אייער בלוט קולטורס זענען פאזיטיוו (זיי ווייזן אז איר האט אן אינפעקציע), מוזט איר באקומען באהאנדלונג. אייער העלטקעיר פראוויידער וועט באשטעלן אנטיביאטיקס אויב די CLABSI ווערט פאראורזאכט דורך באקטעריע. אנטיביאטיקס זענען מעדעצינען צו הרג'נען באקטעריע. אייער העלטקעיר פראוויידער וועט באשטעלן אנטיפאנגולס אויב די CLABSI ווערט פאראורזאכט דורך פאנגוס. אנטיפאנגולס זענען מעדעצינען וואס הרג'נען פאנגוס. די סארט באהאנדלונג איר באקומט ווענדט זיך אויף די סארט פון באקטעריע אדער פונגאס אין אייער בלוט-שטראם.

## וואס צו ערווארטן ווען איר זענט אין שפיטאל

- אייער נורסעס וועלן איבערקוקן אייער CVC באנדאדזש דורכאויס יעדע שיפט. זיי וועלן מאכן זיכער אז עס איז ריין, טרוקן, און אין פלאץ.
- א נורס וועט אפוויישן אייער CVC באנדאדזש און IV טובינג מיט CHG שמאטעס יעדע 12 שעה.
- אייער קעיר טיעם וועט באשליסן אויב איר דארפט נאך האבן א CVC יעדן טאג.
- אייער נורס וועט נישט אויסשאלטערן אייער IV טובינג ווען איר נעמט א שויער אדער גייט ארום.
- אייער נורס ווישט אפ פלעצער וואס מען רירט אפט צו, אזוי ווי א טיש נעבן בעט און בעדרעילס, צוויי מאל א וואך מיט Sani-Cloth® ווייפס. דאס העלפט האלטן אייער פלאץ פריי פון באצילן.
- אייער קעיר טיעם וועט מאכן זיכער אז איר האט אן אפוינטמענט צו טוישן אייער באנדאדזש

אינערהאלב 7 טעג פון דיסטשארדזש (פארלאזן די שפיטאל).

## וואס צו ערווארטן דורכאויס אייער אפוינטמענטס ביי MSK

- אייער נורסעס וועלן איבערקוקן אויב אייער CVC באנדאדזש דארף ווערן געטוישט.
- אייער נורס וועט איבערקוקן פאר געשווילעכץ, רויטקייט, און פליסיגקייט ארום דעם פלאץ וואו אייער CVC גייט אריין אין אייער קערפער. זיי וועלן אויך פרעגן אויב די פלאץ טוט וויי.
- אייער קעיר טיעם וועט באשליסן אויב איר דארפט נאך האבן א CVC.
- אייער קעיר טיעם וועט דערמאנען אייך און אייער קעירגעבערס וועגן וואשן אייער הענט. פאר מער אינפארמאציע וועגן רייניגן די האנט, לייענט *Hand Hygiene and Preventing Infection* (www.mskcc.org/cancer-care/patient-education/hand-hygiene-preventing-infection).

פארבינדט זיך אלעמאל מיט אייער העלטקעיר פראוויידער אויב איר האט סיי וועלכע פראגעס אדער זארגן. א מעמבער פון אונזער קעיר טיעם וועט אייך ענטפערן מאנטאג ביז פרייטאג פון 9 אינדערפרי ביז 5 נאכמיטאג. אין אנדערע שעות, קענט איר לאזן א מעסעדזש אדער רעדן מיט אן אנדערן MSK פראוויידער. עס איז אייביג דא א דאקטאר אדער נורס גרייט. אויב איר זענט נישט זיכער וויאזוי זיך צו פארבינדן מיט אייער העלטקעיר פראוויידער, רופט 212-639-2000.

פאר מער ריסאורסעס, באזוכט www.mskcc.org/pe צו דורכקוקן אונזער ווירטועלע לייברערי.

What is a CLABSI? - Last updated on April 23, 2026
אלע רעכטן ווערן געאייגנט און רעזערווירט דורך מעמאריעל סלאון קעטערינג קענסער צענטער

לעצט אַפּדעיטעד
אַפּריל 23, 2026
Learn about our Health Information Policy.

# זאָגט אונדז וואָס איר טראַכט
# זאָגט אונדז וואָס איר טראַכט

Your feedback will help us improve the educational information we provide. אייער זאָרג מאַנשאַפֿט קען נישט זען גאָרנישט וואָס איר שרייבט אויף דעם פֿידבעק פֿאָרעם. ביטע ניצט עס נישט צו פרעגן וועגן אייער זאָרג. אויב איר האָט פֿראַגעס וועגן אייער זאָרג, קאָנטאַקט אייער געזונטהייטס פאַרזאָרגער.

כאָטש מיר לייענען אַלע פֿידבעק, קענען מיר נישט ענטפֿערן קיין פֿראַגעס. ביטע שרייבט נישט אייער נאמען אדער קיין פערזענלעכע אינפארמאציע אויף דעם פידבעק פאָרעם.

איז די אינפֿאָרמאַציע געווען גרינג צו פֿאַרשטיין?

- ○ יא
- ○ עטוואס
- ○ ניין No

איז די אינפֿאָרמאַציע געווען גרינג צו פֿאַרשטיין?

ביטע שרייבט נישט אייער נאמען אדער סיי וועלכע פערזענליכע אינפארמאציע.

אײנגעבן